אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**Hirshke Glik**

by **Shmerke Kaczerginski,** translation by Lillian Leavitt

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (January 2024)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/hirshke-glik]

# הירשקע גליק

# Hirshke Glik

Shmerke Kaczerginski
translated by Lillian Leavitt

**Introduction:** Shmerke Kaczerginski (1908 - 1954) was a poet, songwriter, and a member of the Vilna literary group "Yung Vilne." After the Nazis occupied Vilna, Kaczerginski avoided the ghetto by using falsified papers to pose as a Pole who had lost speech and hearing when wounded at the battlefront. After months of this isolated existence, he entered the Vilna ghetto. There he actively worked with the United Partisan Organization (FPO) to sabotage Nazi war efforts, procure arms for a ghetto uprising, and prepare to fight Nazis with other partisans in the forests.

In February of 1942, the Nazi Einsatzstab Reichsleiter Rosenberg group arrived in the Vilna ghetto to fully loot the libraries and museums of religious artifacts, books, journals, manuscripts and artwork and send selected pieces to the "Institute for the Investigation of the Jewish Question" in Frankfurt. Because the group did not have sufficient Judaica experts to select and sort the various Jewish collections, they recruited ghetto intellectuals, writers, and artists, Kaczerginski among them, to do this work. The ghetto police who saw this work as relatively easy in comparison to the more physically demanding work of other ghetto laborers mockingly named the group "The Paper Brigade." In actuality, their work involved heart-rending decision-making about which items to save out of the great mass of material that was being desecrated, dismantled, or shredded by their German taskmasters. Once the Jewish scholars decided to try to rescue what they could, they knew they would be risking their lives smuggling items, piecemeal, through the ghetto gate.[1]

[1] David E. Fishman, *The Book Smugglers: Partisans, Poets, and the Race to Save Jewish Treasures from the Nazis*, Lebanon, NH: ForeEdge, 2017. To read a full account of the Einsatz group's goals and actions and the initial Jewish smuggling into the ghetto, see Chapters 6-10.

Kaczerginski's memoir *Ikh bin geven a partizan*, published in 1952, describes the months prior to his entering the ghetto, his time in The Paper Brigade, and his years working and fighting with the partisans, from within the ghetto and in the forests.

"Hirshke Glik" is a chapter of the memoir that recounts Kaczerginski's pre-war relationship with the aspiring young writer Hirsh Glik and his later encounter with Glik in the Vilna ghetto in 1943, when Glik, inspired by the Warsaw ghetto uprising, wrote his now famous song, "Zog nit keyn mol." The chapter offers a window into ghetto life during that difficult time, as well as a look at the powerful effect the Warsaw uprising had upon Jews in Vilna. Glik's song was quickly adopted by the FPO as the hymn of the Partisans, and to this day has been translated into a multitude of languages. It is often referred to as the "Partisaner Hymn" and sung at Holocaust memorial services around the world.

At the war's end, when Kaczerginski returned to Vilna, he found the Soviet occupation would make it impossible to open a new Jewish center to showcase what had survived of the hidden literary treasures. Kaczerginski and his dearest friend, Avrom Sutzkever, managed to rescue the treasures once again, bringing them through various couriers to Paris, then on to Israel and New York's YIVO.

After some time in Europe, Kaczerginski began his life in Buenos Aires. Working for the Jewish Cultural Congress, he continued to write and give talks about the events of the war and his time with the partisans. On a tragic day in the spring of 1954, as Kaczerginski was on his way home from a speaking engagement, the plane carrying him crashed, leaving no survivors. The international Jewish literary world was devastated. Within a year, a beautiful remembrance book was published, commemorating his talents, passion for life, and commitment to Yiddish literature.

# Hirshke Glik

Of all the people who were captured by the Gestapo, I've also mentioned Hirshke Glik. I can't get him out of my mind. It was just days ago I spoke with him about his songs.

How strange things are for us in the ghetto. It seems that everyone knows that their own end is approaching. Yet, we talk mournfully about those who were taken and those who died. We often even have memorial services for them. In fact, just recently we held a memorial assembly for Dr. Tzemakh Shabad, another for Dr. Kovarski and still another for the teachers Gershteyn and Pludermakher.[2] People gave mournful speeches and shared memories.

Recently, at the end of a synagogue service, as everyone wept the Kaddish prayer for the dead, I was struck by a chilling thought: They, who had already passed, were the lucky ones. They, at least, have someone to say Kaddish for them for now. Who will say Kaddish for us? Who will remember us?

But life goes on, making its daily demands on us…

Hirshke, Hirshke Glik.

The first time I met the fifteen-year-old Hirshke was after a "Yung Vilne" evening in a Vilna hall.

"I write too," he whispered to me quietly. "And there are others who write as well. A whole group of us."

"A whole group…" I was really curious. "Who are you?"

A few days later, they approached me. Hirshke Glik, Sheva Feygenberg, Moyshe Gurin and Rabinovitch—mere children.[3] Poverty had driven them out of their homes and forced them to look for work. The boys had known each other for a long time. Now they lived on the same street, Little Shnipishok street. They had also gone to the same

[2] Kaczerginski here lists four different prominent leaders of the Vilna community: the doctor, co-founder of YIVO and prolific writer Tsemach Shabad (1864-1935); physician, cultural and pedagogical leader Dr. Hertz Kovarski (1869-1941); musician and musical director of the Vilna Ghetto schools Yankev Gershteyn (d.1943); and professional trained teacher and pedagogical writer Gershon Pludermakher (1876-1942). Further biographical information on these figures can be found under their named entries in the digitized *Leksikon fun der nayer yidisher literatur*.

[3] Sheva Feygenberg (Augustów, 1922-Rechovot, 2012) would later be known in the USSR as Sheva Kantsedikas and in Israel as Elisheva Kohen-Tsedek. Her letters with her husband are digitally available. Moshe Gurin (Gurevich 1921-1990) survived the war in the Vilna ghetto and in other German camps. In 1947 he began life in Israel, writing and publishing in a number of esteemed journals. Further biographical information can be found in the digitized *Leksikon fun der nayer yidisher literatur*.

school, “Beys Yehudo.” When they found out that Sheva Feygenberg wrote as well, they invited her to join their circle where they read their works to one another.

So everyone read something they had written and I, with increasing surprise and delight, listened and thought: So young — and so talented! If there were someone who could work with them, there’d be a lot of ‘nakhes’ to be had. I gave them my warmest words of encouragement and helped them in whatever way I could.

Shortly thereafter, Leyzer Volf who lived on their street, began working with the youngsters.[4] Together they created a journal called “Yungvald” (Young Forest) and managed to publish several issues. The group became known by that name.

Initially, Hirshke had been working in Yosef Shub’s paper shop on Little Stefan Street, but when he found a better paying job at Biankonski’s iron shop on Zawalna, he left Shub’s. There were no regular hours in these jobs, and I would often see Hirskhe going home late at night, thoroughly exhausted. He even stopped going to the youth group where he had previously spent his free time.

Hirshke was the head of the pack even though he was the youngest of them. I remember him in short pants and laced-up boots, with closely cropped hair and bright, piercing blue eyes. Now, in the ghetto, it appeared he hadn’t changed.

He wasn’t, however, in the ghetto for very long. He was sent to the work-camp,Biała Waka, outside Vilna, where he, along with several hundred other Jews, worked digging up peat. The very harsh life and work conditions there strengthened Hirshke’s determination to artistically record what he was experiencing. After work, late into the night, in a dark storeroom where people slept on hard benches under a roof full of holes, he took no rest. He wrote and wrote.

Back in the ghetto, the literature society which organized competitions for creative writing gave Glik awards on two separate occasions.

Hirshke came into the ghetto from time to time, and the only place he visited was the youth club, where he read his writings for the group, garnering great appreciation from his peers.

At the beginning of 1943 the work camp was liquidated and its workers were sent back to the ghetto. Difficult days began. It was around this time that Glik wrote his song.

What were those days like?

April 5, 1943.

[4] Leyzer Volf (1910-1943) was a founding member of Yung Vilne. Further information on his biography can be found in the YIVO Encyclopedia.

Sunlight barely managed to penetrate the lower levels and alleyways of the ghetto. The pale rays of light made people yearn for a bit of greenery, sun, clean air and water. Standing not far from the ghetto entrance, enveloped in this feeling of yearning, I saw a young man covered in blood slip in from the street and disappear quickly through the gateway. We rushed to him, tore off his clothes, washed away the blood, and bound his wounded shoulder.

"I'm coming from Ponar," he whispered, knowing that we wouldn't bother him with questions at that point.

We stood numb and frozen.

"Everyone, everyone, was shot to death." Tears rolled down his face.

"Who? The four thousand people being sent to Kovno?"

"Yes!"

This had happened at daybreak on the fifth of April 1943.

The situation in the ghetto had been "stabilized" for the past year and a half. People thought the "Aktions" against hundreds of old people, individuals, or small groups were isolated incidents and had no bearing on the future existence of the ghetto. There were even those believers who thought that the Germans considered the Vilna Ghetto a "chosen" ghetto.[5] The four thousand Jews who had been slaughtered that morning, however, suddenly brought the reality of death, which spares no one, right before the eyes of the believers.

The mood in the ghetto became more heated some weeks later when we heard the Polish secret radio station, Świt, announce the news:

"Hello, hello! The remaining Jews of the Warsaw ghetto have begun an armed resistance against the Nazis. The ghetto is in flames!"

The secret radio bulletin from the ghetto's partisan organization reported just a few lines. We knew no details about the uprising; only those few sparks of words. But we saw the flames of the Warsaw ghetto in front of us, as well as the Jews who fought, with weapon in hand, for our honor.

The news of the uprising lifted our spirits and made us proud.

Days passed and we heard no more news about what was happening, but we imagined how our friends were fighting. It pained us to know that the battle was hardly equal. Still, the fact of the resistance made it easier to get through the days. We felt as though

[5] The Hebrew phrase "Ata bekhartonu," (You have chosen us) appears in a prayer thanking God for having chosen the Jewish people to fulfill His commandments. Kaczerginski's sense of irony is not lost here.

we'd sprouted wings. We looked back at the Nazis, our tormentors, with pride. And they knew what our new expressions signified. They understood and certainly more than one of them thought: "Who knows whether I, too, will need to fight against these Vilna Jews, and whether they will kill me."

For the night of May 1st, we organized an event on Shavler Street. The evening was titled "Springtime in Yiddish Literature," an innocent enough name. But the hundreds in attendance knew that they'd come to celebrate May Day.

One speaker presented, then another; one song, then another. Everything was permeated with the spirit of the Warsaw uprising.

"As we communally celebrate this first of May the Warsaw ghetto stands in battle. Honor to the fighters! Honor to the fallen," the evening's host, Herman Kruk called out.[6] We all rose together.

The spirit of Warsaw's fighters began to pulse through the crowded hall. We knew that come tomorrow, or the day after that, the radio would be telling the world about us. It would report that the Jews in the ghetto of Jerusalem of Lithuania had begun an armed uprising against the Nazis.

The hall grew deathly quiet. The sad tones of the ghetto performers rang out tremulously.

Unnoticed, Hirshke Glik appeared at my side.

"Nu, Hirshke, how are you?"

"I've written a new poem. Want to hear it?"

"A poem in the middle of all this? Okay, read it aloud."

"Not now. I'll come by tomorrow, in the morning. It's a poem to be sung."

In the morning, Hirshke was at my door bright and early.

"Just listen carefully," he appealed, "I'll start now."

He began to sing quietly but passionately, with all his heart. His eyes shone fervently:

"...and our longed-for hour will yet arrive."

---

[6] Herman Kruk (1897-1944) was writer, Bundist and cultural activist. See the relevant *Leksikon* entry for further information.

Where did this confident belief come from? Hirshke left me no time to think. The tremor in his voice disappeared. He hammered out the words confidently as one foot tapped along in a march.

.... “Amidst falling walls a people took a stand

And sang this song with pistols in their hands.”

“Wonderful, Hirshke, Just wonderful!” I gripped his hands. His words made me feel the effect the Warsaw uprising had had on him.

And so the months of May, June, July and August went by. But for us, the partisans, the days and weeks of April’s Warsaw uprising remained very much present.

The ghetto partisan administration decided that Glik’s song ought to become a hymn for the partisans. But no one needed to wait for that decision. The song had already spread throughout the ghetto.

Glik wrote many songs and poems. Few are still known. As far as I know, his most powerful song was “Zog Nit Keyn Mol.” Others also felt that way and appreciated it, which is why I believe this song will become THE SONG that inspires future generations to remember and remain on guard.

And now remembering Hirshke, I know that it is precisely because of that song that I cannot rest. The boy took a Cossack-style melody and fit in his own words so perfectly that it seems that no other melody would have worked for such words, and no other words could have worked for such a melody.[7]

“Where is Hirshke now?”[8]

“There, where we will all be,” I answer my own question.

[7] The Partisan Hymn was sung to the melody of the Pokrass brothers' Cossack march, composed for the Soviet film “Shel soldat s fronta” (1939). Nechama Lifshitz (1927-2017), Yiddish and Hebrew soloist in the Soviet Union, published an article entitled “About the Reincarnation of a Melody” (Vegn a gilgul fun a nigun) in the journal of the Yiddish Cultural Center "Sholem Aleichem": *Undzer shrift*, no.7-10, 1977, pp.78-9. In the article she details a post-concert meeting with Dimitry Pokrass sharing a “secret” with her: his musical inspiration for the Cossack march came from Mark Warshawsky’s “Oyfn Pripetchik,” especially its stormy refrains and passionate lines.

[8] Hirshke was never heard from after the war’s end. There are varying reports about his death (see the ORT Music and the Holocaust site and Holocaust Research Project for two possible sources) . The ambiguity about the last days of his life may be reflected in Kaczerginski’s question at the chapter’s end.

# הירשקע גליק

פֿון די, וועלכע זײַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער געשטאַפּאָ, האָב איך דערמאָנט אויך דעם נאָמען „הירשקע גליק.“

ער גייט מיר נישט אַרויס פֿון זכּרון.

מיט עטלעכע טעג פֿריִער האָב איך נאָך געהאַט מיט אים אַ שמועס וועגן זײַנע לידער.

ווי מאָדנע דאָס איז ביַי אונדז אין געטאָ. דוכט זיך, אַז יעדערער ווייס, אַז אויך זײַן סוף דערנענטערט זיך און דאָך רעדט יעדערער פֿון אונדז מיט באַדויערונג וועגן די צוגענומענע, וועגן די אומגעקומענע. אָפֿט מאַכן מיר דאָך אַפֿילו נאָך זיי אַזכּרה־אַקטן. אָט זײַנען אַפֿילו נישט לאַנג פֿאָרגעקומען טרויער־אַקאַדעמיעס נאָך דעם ד״ר צמח שאַבאַד (געשטאָרבן פֿאַר דער מלחמה), נאָך ד״ר קאָוואַרסקי (געשטאָרבן אין די ערשטע טעג ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט די שטאָט), נאָך די לערערס גערשטיין און פּלודערמאַכער. מען האָט געהאַלטן טרויער־רעדעס, מען האָט דערציילט זכרונות.

איך בין נישט לאַנג אַרײַן אין אַ בית־מדרש און אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען, ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך צום סוף אַוועקגעשטעלט אויסיאָמערן קדיש.

האָט מיר אַ מחשבֿה אָנגעהויבן בויערן: זיי, די אומגעקומענע זײַנען דאָך גליקלעכע, זיי האָבן דאָך, ווער עס זאָל נאָך זיי כאָטש דערוויַיל קדיש זאָגן... ווער וועט קדיש זאָגן נאָך אונדז? ווער וועט אונדז דערמאָנען?

אָבער דאָס לעבן גייט זיך ווײַטער. מאָנט דאָס זײַניקע...

הירשקע, הירשקע גליק.

באַוויזן צו מיר האָט זיך דער 15־יעריקער הירשקע דאָס ערשטע מאָל נאָך אַן אָוונט פֿון „יונג ווילנע“ אין אַ ווילנער זאַל.

„איך שרײַב אויך,“ האָט ער שטיל אויסגעשעפּטשעט, „און צו מיר זײַנען דאָ נאָך וואָס שרײַבן, אַ גאַנצע גרופּע.“

„ אַ גאַנצע גרופּע,“ בין איך שוין טשיקאַווע, „ווער זײַט איר?“

אין אַ פּאָר טעג אַרום זײַנען זיי צו מיר געקומען: הירשקע גליק, שבֿע פֿײַגענבערג, משה גורין און ראַבינאָוויטש. קינדער נאָך. אָרעמקייט האָט זיי פֿון שטוב אַרויסגעטריבן און צו זוכן פּרנסה געצוווּנגען. די ייִנגלעך קענען זיך איינע די אַנדערע שוין פֿון לאַנג. זיי וווינען איצט אויף איין גאַס, אויף קליין־שניפּישאָק, אויך צוזאַמען אין איין שול געגאַנגען, אין דער „בית־יהודה.“ ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז שבֿע פֿײַגענבערג שרײַבט אויך, האָבן זיי זי אויך אײַנגעלאַדן צו זיך אין קרײַז, ווו זיי לייענען איינע פֿאַר די אַנדערע זייערע שאַפֿונגען.

ווילן זיי איצט הערן, וואָס איך זאָג צו דעם.

האָט יעדער געלייענט זײַנע שאַפֿונגען און איך האָב מיט וואַקסנדיקן פֿאַרגעניגן זיך צוגעהערט און אין ווווּנדער געטראַכט:

„קינדער — און אַזעלכע פֿעיִקע. ווען עס זאָל זײַן ווער עס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט זיי, וואָלט מען פֿון זיי פֿיל נחת דערלעבט.“

מײַנע וואַרעמסטע ווערטער און צוזאָגן האָב איך זיי געגעבן און מיט וואָס נאָר איך האָב געקענט, האָב איך זיי געהאָלפֿן.

שפּעטער צו האָט זיך צו דער יוגנט־טרופּע דערנענטערט דער יונג־ווילנעאַנער לייזער וואָלף. ער האָט געוווינט אויף דער זעלביקער גאַס, וואָס זיי. צוזאַמען האָבן זיי אַרויסגעגעבן עטלעכע נומערן פֿון אַ זשורנאַל „יונגוואַלד.“ אונטער דעם נאָמען האָט זיך די גרופּע דערנאָך באַקאַנט געמאַכט אין שטאָט.

הירשקע האָט געאַרבעט צו ערשט אין אַ פּאַפּיר־געשעפֿט, ביַי יוסף שוב, אויף קליין־סטעפֿאַן־גאַס. קריגנדיק אַ בעסער באַצאָלטע שטעלע, איז ער אַריבער אַרבעטן אין אַן אײַזן־געשעפֿט, ביַי בעניאַקאָנסקין, אויף דער זאַוואַלנער גאַס. אין די געשעפֿטן האָט מען נישט געוווּסט פֿון קיין באַשטימטע אַרבעטס־שעהען און אָפֿט פֿלעג איך אים זען שפּעט ביַי נאַכט גיין אַהיים פֿון דער אַרבעט אַן אויסגעמאַטערטן. ער האָט אַפֿילו אויפֿגעהערט קומען אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווו ער פֿלעגט פֿריִער די פֿרײַע צײַט פֿאַרברענגען.

הירשקע איז אין דער גרופּע געווען דער „אַרי־שבחבֿורה“ — כאָטש צווישן אָט די יונגע איז ער נאָך אַלץ געווען דער ייִנגסטער.

איך געדענק אים אין קורצע הייזלעך, פֿאַרשנורעוועטע קאַמאַשן אויף די פֿיס. אין די בלויע אויגן רײַסט זיך זוניקע ליכטיקייט. קורץ געשוירענע האָר. לויט זײַן אויסזען האָט ער זיך אויך נישט געביטן אין געטאָ.

דאָ איז ער לאַנג נישט געווען. ער ווערט איבערגעשיקט הינטער ווילנע, אין אַרבעטס־לאַגער ווײַסע־וואַקע, וווּ ער דאַרף צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר הונדערט ייִדן גראָבן טאָרף.

די זייער שלעכטע לעבנס־ און אַרבעט־באַדינגונגען האָבן אין אים נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם ווילן צו באַשרײַבן אין אַ קינסטלערישער פֿאָרעם דאָס איבערגעלעבטע.

אין די שפּעטע אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, אין דער פֿינצטערער שאָפּע, וווּ די ייִדן שלאָפֿן אויף האַרטע נאַרעס, אונטער אַ צעלעכערטן דאַך, רוט ער נישט אײַן — ער שרײַבט.

די ליטעראַטן־פֿאַראייניקונג אין געטאָ, וועלכע אָרגאַניזירט קאָנקורסן אויף ליטעראַרישע שאַפֿונגען, פּרעמירט גליקן צוויי מאָל פֿאַר זײַנע ווערק.

פֿון צײַט צו צײַט קומט ער אין געטאָ. דאָס איינציקע אָרט זײַנס איז דאַן אין יוגנטקלוב, וווּ ער לייענט פֿאַר די יונגע צוהערערס זײַנע ווערק און האָט גרויס דערפֿאָלג.

אין אָנהייב 1943 ווערט דער אַרבעטס־לאַגער ליקווידירט. די ייִדן ווערן איבערגעשיקט אין געטאָ. עס קומען אָן זייער שווערע טעג. און אָט אין די טעג שאַפֿט גליק זײַן ליד.

וואָס פֿאַר אַ צײַט איז דעמאָלט געווען?

5טער אַפּריל 1943.

אויף די אונטערשטע שטאָקן און אין די געסלעך פֿלעגט די זון זעלטן אַ קוק טאָן. די בלאַסע פּאַסן איבערן געטאָ האָבן צעגליט בענקשאַפֿט נאָך אַ ביסל גרינס, זון, לופֿט און וואַסער.

שטייענדיק אַזוי אַרומגענומען מיט דער גרויסער בענקשאַפֿט, נישט ווײַט פֿון געטאָ־טויער, זע איך, ווי עס שלײַכט זיך אַרײַן אַ פֿאַרבלוטיקטער יונגער בחור פֿון גאַס און פֿאַרשווינדט גיך אין אַ טויער. מיר האָבן אַראָפּגעריסן פֿון אים די קליידער, אַרומגעוואַשן דאָס בלוט, פֿאַרבונדן דעם פֿאַרוווּנדעטן אַקסל.

„איך קום פֿון פּאָנאַר,“ האָט ער אויסגעזיפֿצט, פֿאַרשטייענדיק, אַז מיר ווילן אים איצט נישט באַאומרויִקן מיט קיין פֿראַגעס.

מיר זײַנען געבליבן פֿאַרשטיינערט.

„אַלעמען, אַלעמען, האָט מען אויסגעשאָסן,“ קײַקלען זיך טרערן איבער דעם אָפּגעוואַשענעם פּנים.

„ווּעמען? די פֿיר טויזנט וואָס זײַנען געפֿאָרן אויף קאָוונע?“

„יאָ!“

געשען איז דאָס פֿאַר טאָג דעם 5טן אַפּריל 1943.

אָנדערהאַלבן יאָר איז די לאַגע אין געטאָ געווען „סטאַביליזירט.“

ייִדן האָבן געמיינט, אַז די אַקציע אויף הונדערט זקנים, אויף יחידים אָדער אויף קלענערע גרופּקעס, האָט נישט צו טאָן מיט דער ווײַטערדיקער עקזיסטענץ פֿון געטאָ. עס זײַנען געווען אַפֿילו גלייביקע, וואָס האָבן געמיינט, אַז דאָס ווילנער געטאָ איז בײַ די דײַטשן אַן „אַתּה בחרתּנו“־געטאָ. די פֿיר טויזנט געשאָכטענע ייִדן אין דעם פֿאַרטאָג האָבן שוין אויך די גלייביקע מיט אַ מאָל באַוויזן דעם טויט פֿאַר די אויגן, דעם טויט וואָס קיינעם שוינט ער נישט.

די שטימונג אין געטאָ איז געוואָרן אָנגעגליטער, ווען עס איז מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער דערגאַנגען די ידיעה פֿון דער פּוילישער געהיימער ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט,“ אַז —

„העלאָ, העלאָ! די פֿאַרבליבענע ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ האָבן אָנגעהויבן אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד קעגן די נאַציס. דאָס געטאָ שטייט אין פֿלאַמען!“

דער געהיימער ראַדיאָ־ביולעטין פֿון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, האָט בלויז עטלעכע שורות וועגן דעם דערציילט. מיר האָבן נישט געוווּסט קיין פּרטים וועגן אויפֿשטאַנד. בלויז די עטלעכע ווערטערפֿונקען — אָבער מיר האָבן דערזען פֿאַר זיך די פֿלאַמען פֿון וואַרשעווער געטאָ און די ייִדן וועלכע קעמפֿן מיט געווער אין האַנט פֿאַר אונדזער כּבֿוד.

די ידיעה וועגן אויפֿשטאַנד האָט אונדז מאָראַליש דערהויבן, שטאָלץ געמאַכט.

אָבער עס זײַנען אַוועק טעג און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום ידיעה, וואָס עס טוט זיך דאָרט. מיר האָבן זיך אָבער אין די געדאַנקען פֿאָרגעשטעלט ווי אַזוי עס קעמפֿן אונדזערע חבֿרים. ס׳איז אונדז געווען

ווייטיקדיק צו וויסן, אַז דער קאַמף איז נישט קיין גלײַכער. ס׳איז אונדז אָבער גלײַכצײַטיק לײַכטער געווען די שווערע צײַט דורכצולעבן. ווי מיר וואָלטן פֿליגל באַקומען. שטאָלצע האָבן מיר געקוקט אויף די נאַציס און אונדזערע פֿײַניקער. זיי האָבן שוין געוווּסט, וואָס דער בליק באַדײַט. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען און זיכער האָט נישט איינער פֿון זיי געטראַכט: „ווער ווייס, צי אויך איך וועל נישט דאַרפֿן קעמפֿן קעגן די ווילנער ייִדן און געהרגעט ווערן פֿון זיי?“

אויף דעם שאַוולער געסל האָבן מיר אין דער נאַכט פֿון 1טן מײַ אײַנגעאָרדנט אַן אָוונט א"נ „פֿרילינג אין דער ייִדישער ליטעראַטור.“ „פֿרילינג“ — אַן אומשולדיקער נאָמען, אָבער די געקומענע הונדערטער באַזוכער האָבן געוווּסט, אַז זיי זײַנען געקומען פֿײַערן דעם ערשטן מײַ.

איין רעדנער, אַ צווייטער; איין ליד, אַ צווייטע. אַלץ איז דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פֿון דער קעמפֿנדיקער וואַרשע.

„ווען מיר פֿײַערן דאָ אין לאָקאַל אַלע געמיינזאַם דעם ערשטן מײַ, שטייט אין קאַמף איצט דאָס וואַרשעווער געטאָ,“ רופֿט אויס דער פֿאָרזיצער פֿון אָוונט, הערמאַן קרוק, „כּבֿוד די קעמפֿער! כּבֿוד די געפֿאַלענע!“ — מיר האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל אויפֿגעשטעלט.

אין ענגן זאַל האָט אָנגעהויבן פֿלאַטערן דער גײַסט פֿון די וואַרשעווער אויפֿשטענדלער. מיר האָבן געוווּסט, אַז מאָרגן, איבער מאָרגן, וועט אויך וועגן אונדז דער ראַדיאָ איבערגעבן דער וועלט, אַז די ייִדן אין געטאָ פֿון ירושלים־דליטא האָבן אָנגעהויבן דעם ווידערשטאַנד קעגן די נאַציס.

ס׳איז געוואָרן טויט שטיל אין זאַל. ציטערדיק האָבן געקלונגען די טרויערטענער פֿון די געטאָ־אַקטיאָרן.

נישט באַמערקט איז צו מיר צו פֿון דער זײַט הירשקע גליק.

„נו, וואָס הערט מען, הירשל, בײַ דיר?“

„כ׳האָב אָנגעשריבן אַ נײַ ליד, ווילסט הערן?“

„אַ ליד גאָר אין מיטן דערינען? נו, לייען.“

„אָבער נישט איצט, מאָרגן וועל איך צו דיר אַרויפֿקומען, מאָרגן. דאָס ליד זינגט זיך.“

אויף מאָרגן איז הירשקע גאַנץ פֿרי שוין געווען בײַ מיר.

„אָבער הער גוט צו,“ בעט ער זיך בײַ מיר, „איך וועל דאָס גלײַך זינגען.“ שטיל האָט ער אָנגעהויבן זינגען, אָבער פֿלאַמיק, מיט האַרץ. די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט אין פֿײַערלעך:

„...קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה...“

פֿון וואַנען אָט דער זיכערער גלויבן? הירשל לאָזט נישט טראַכטן. עס ווערט פֿאַרלוירן דער ציטער פֿון זײַן שטים, זיכער האַמערט ער די ווערטער אַרויס, קלאַפּט צו מיט אַ פֿוס, ווי ער וואָלט איצט אין מאַרש געגאַנגען.

„דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט...“

„וווּנדערבאַר, הירשקע, וווּנדערבאַר — האָב איך אים געדריקט די הענט.

איך האָב דערפֿילט אין די ווערטער דעם רושם וואָס דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט געמאַכט אויף אים.

און אָט זײַנען שוין אַוועק די חדשים מײַ, יוני, יולי און אויגוסט. פֿאַר אונדז פּאַרטיזאַנער האָט זיך נאָך אָבער געצויגן דער אַפּריל, די טעג און וואָכן פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער שטאַב פֿון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ האָט באַשלאָסן, דאָס ליד זאָל ווערן אַ הימען פֿון די קעמפֿער. מען האָט שוין אָבער נישט געדאַרפֿט וואַרטן אויף אַ באַשלוס, דאָס ליד איז גיך פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין געטאָ.

גליק האָט געשריבן אַ סך לידער און פּאָעמעס. ווייניק זײַנען געבליבן באַקאַנט. אויף וויפֿל איך ווייס, איז טאַקע זײַן שטאַרקסטע ליד —„זאָג נישט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!“.

דער עולם אַליין האָט דאָס אויך אַזוי באַנומען און אָפּגעשאַצט און דערפֿאַר וועט עס זײַן, גלייב איך, דאָס ליד, וואָס וועט ווי אַ וועקנדיקער פּאַראָל רופֿן קומענדיקע דורות צו דערמאָנונג און צו שטיין אויף דער וואַך.

און איצט, אויב איך דערמאָן הירשקען, איז דאָס אויך נאָר צוליב דעם ליד, וואָס לאָזט מיך נישט אײַנרוען. דאָס ייִנגל האָט גענומען אַ קאָזאַקן־מעלאָדיע און אַזוי וווּנדערלעך אַרײַנגעפּאַסט זײַנע ווערטער, אַז עס קומט אויס, אַז קיין אַנדער ניגון האָט נישט געקענט זײַן צו אַזעלכע ווערטער, און קיין אַנדערע ווערטער

האָבן נישט געקענט זײַן צו אַזאַ ניגון.
„ווּ איז איצט אַהינגעקומען הירשקע?“
„דאָרט ווּ מיר וועלן אַלע זײַן!“ — ענטפֿער איך זיך אַליין.